d.06d175

Telephone Murray Hill 2872—9350
ROOM 700

# THE AMERICAN ORT

331 MADISON AVENUE
NEW YORK CITY

LANDSMANSHAFT DEPARTMENT

JUDGE JACOB PANKEN
Chairman
DR. HENRY MOSKOWITZ
Chairman, Executive Committee
MORRIS BERMAN
Treasurer
HERMAN BERNSTEIN
Honorary Secretary
JUDGE EDWARD LAZANSKY
JOSEPH BASKIN
LOUIS B. BOUDIN
DR. SAMUEL ELLSBERG
JUDGE GUSTAVE HARTMAN
B. C. VLADECK
Vice-Chairmen

Executive Committee
ABRAHAM BAROFF
JOHN L. BERNSTEIN
DR. ANNA P. BOUDIN
CONG. EMANUEL CELLER
MAX CHAFKIN
DR. CHAIM CHIDLOWSKY
PROF. A. BRODERICK COHEN
DR. JOSEPH I. DAVIDMAN
ALEXANDER DOLOWITZ
MRS. FLORENCE DOLOWITZ
DR. SAMUEL DOSKOW
H. EHRENREICH
MORRIS FEINSTONE
MEYER GILLIS
S. A. GLUSHANOK
REUBEN GUSKIN
MRS. RAE B. HARRIS
ABRAHAM HERMAN
DR. IDA HERMANN
SIMON HIRSDANSKY
DR. B. HOFFMAN
MAX L. HOLLANDER
ALEXANDER KAHN
I. LADERMAN
COL. HERBERT H. LEHMAN
MURRAY LEVINE
HORACE LONDON
MRS. JEANETTE F. LONDON
WILLIAM LOWENSTEIN
MORRIS MICHTOM
CHONON J. MINIKES
MRS. R. PALLAY PANKEN
J. ROBERTS
DR. ELIAS ROBINSON
LEVI ROKEACH
MORRIS ROTHENBERG
REUBEN SCHWARTZ
DR. FANNY SHAPIRO
JUDGE BERNARD SHIENTAG
MRS. FANNIE B. SHLUGER
LOUIS SIEGEL
JUDGE ADOLPH STERN
DR. N. I. STONE
JUDGE MYRON SULZBERGER
ABRAHAM TUVIM
M. TYGEL
Z. TYGEL
BENJAMIN WINTER
S. WOLOS
MAX ZUCKERMAN
NATHAN ZVIRIN

אויגוסט 29, 1929.

5825 9/9

צענטראל פארוואלטונג
„ארט” פארבאנד,
בערלין, דייטשלאנד.

זעהר געערטע פריינט,

איך באשטעטיג די קבלה פון אייערע בריוו פון 16טן ד.מ. (5132 און 5149).

דר. מאסקאוויטש'עס אינטערוויו האב איך נישט געקענט אויסנוצן פאר דער פרעסע, ווייל די אלע אינפארמאציעס זיינען שוין פריער גאנץ גענוי איבערגעגעבן געווארן אין דער היגער אידישער און ענגלישער פרעסע. דאגעגן פארשטיי איך נישט, פארוואס איך האב ביז איצט נאך נישט באקומען קיין באריכט פון דער ראט-זיצונג, וועלכע וואלט דא געווען פאר מיר פון דער גרעסטער וויכטיקייט פאר אונזער פובליסיטי ארבייט.

ביידע אונזערע פובליסיטי מיטארבייטער, וואס באדינען די אידישע און ענגלישע פרעסע, פאדערן פון מיר כסדר די אינפארמאציעס. איך וויל האפן, אז דער באריכט איז שוין אין וועג און איך וועל אים אין די נאענטסטע טעג באקומען.

<u>פארבאנד פון ליטווישע לאנדסמאנשאפטן.</u>

צוריקקומענדיג צו דעם אינהאלט פון אייער חשוב'ן בריוו פון 7טן ד.ח. (4958), האב איך דעם כבוד אייך איבערצוגעבן פאלגענדעס:

דער פערבאנד איז געגרינדעט געווארן ערשט מיט א ניין חדשים צוריק און הויבט ערשט איצט אן זיין אינטענסיווערע טעטיקייט.

אין דעם שפיץ פון פארבאנד שטייען זייער אנגעזעהענע און טעטיגע פערזענליכקייטן.

ווי איר ווייסט האט דער ליטווישער פארבאנד ארויסגעשיקט קיין ליטע א דעלעגאציע, וועלכע קומט אגב שוין צוריק קיין ניו יארק אין די נאענטסטע טעג. גלייך נאך זייער צוריקקומען וועט פארקומען א זיצונג פון עקזעקוטיוו, וואו עס וועט פארהאנדעלט ווערן די פראגע וועגן רופן א לאנד-קאנפערענץ פון אלע ליטווישע פאראיינען. די קאנווענשאן וועט מן הסתם פארקומען נאך ענדע ה.י.

איך שטיי אין אן ענגן קאנטאקט מיט דעם פארזיצער פון פארבאנד מר. העגרי הורוויץ, סיי אויך מיט דעם סעקרעטאר פון פארבאנד מר. ז. שוסטער, א קאוונער יונגערמאן וועלכער איז געקומען ערשט מיט צוויי יאר

צוריק ק"ן אמעריקע. איך וועל אזיך ז"ן אנוועזענד אויף דער ערשטער זיצונג פון ז"ער עקזעקוטיוו.

איך שיק א"ך איבער די רשימה פון אלע פירער פון פארבאנד, ווי אויך די גענויע אדרעסן פון אלע קערפערשאפטן מיט וועלכע דער פארבאנד איז פארבונדן.

<u>געצ"ג קאמפ"ן.</u>

איך האב דעם כבוד א"ך איבערצושיקן די מאטעריאלן וועלכע דער געצ"ג קאמפ"ן האט לעצטענס פונאנדערגעשיקט צו אלע קאמיטעטן און פערזאנען מיט וועלכע ער שט"ט אין א קאנטאקט.

<u>פארשידענעס.</u>

איך האלט פאר מ"ן חוב א"ך צו באריכטן, אז צוליב די שוידערהאפטע געשעהעניש אין פאלעסטינע, איז אונזער טעטיק"ט שטארק טארמאזירט געווארן אין משך פון דער לעצטער וואך. אזוי איז צ.ב. אפגערופן געווארן מ"ן באזוך אין פילאדעלפיא, וועלכן איך האב פלאנירט פאר ענדע די וואך. די גאנצע אויפמערקזאמק"ט איז זעלבסטפארשטענדליך געווידמעט אויף די שוידערהאפטע פאסירונגען און דאס אידישע אמעריקע איז ממש אויפגעטר"סעלט.

ערשט מיט דער צ"ט וועלן מיר קענען אפשאצן ווי און וואס פאר א מאס וועלן זיך די גרויזאמע פאגראמען אין פאלעסטינע אפרופן אויף אונזער אקטיוויטעט אין אמעריקע. עס איז שוין אבער יעצט קלאר, אז ז" וועלן האבן א גרויסן א"נפלוס אויף דעם וו"טערדיגן גאנג פון אונזער היגע ארב"ט.

דערוו"ל באגרענ"ץ איך זיך מיט די פאר קל"נע גאנץ איבערפלעבליבע באמערקונגען, איך וועל א"ך אבער האלטן אין קורס אויך וועגן דעם.

איך בעט א"ך זעהר, אז איר זאלט מיך רעגעלמעסיק האלטן אין קורס וועגן אונזער א"ראפ"אישער ארב"ט, וו"ל דאס איז פאר מיר נויטיק פון אלע שטאנדפונקטן פון אונזער היגער אקטיוויטעט.

איך דאנק א"ך פאראויס פאר אלע א"ערע דירעקטיוון און אינפארמאציעס.

מיט גרויס דרך ארץ,

[signature]

ג. זיבערט, פארוואלטער.

ב"לאגעם

[illegible] אונזערע א בריוו, וועלכן כ'האב
דא באקומען פאר ד"ר סינגאלאווסקי.